4 און ווען ישוע האָט דאָס געהערט, האָט ער געזאָגט:
די דאָזיקע קראַנקהייט איז נישט צום טויט, נאָר צום
כבוד פון ג־ט, כדי דער בן אלקים זאָל פאַרהערלעכט
5 ווערן דורך איר. און ישוע האָט ליב געהאַט מרתאן
6 און איר שוועסטער און אלעזרן. און ווען ער האָט
געהערט, אַז ער ליגט קראַנק, איז ער דעמלט
נאָך פאַרבליבן צוויי טעג אויף דעם אָרט, וואו ער
7 איז געווען. דערנאָך האָט ער ערשט געזאָגט צו די
8 תלמידים: לאָמיר ווידער גיין קיין יהודה. זאָגן
די תלמידים צו אים: רבי, איצט האָבן די יידן דיך
געזוכט צו שטייניקן, און דו גייסט ווידער דאָרטן
9 אַהין? האָט ישוע געענטפערט: צי האָט דען נישט
דער טאָג צוועלף שעה? ווער עס גייט אַרום בייטאָג,
דער שטרויכלט נישט, ווייל ער זעט דאָס ליכט
10 פון דער דאָזיקער וועלט. ווער אָבער עס גייט
אַרום ביינאַכט, דער שטרויכלט, ווייל דאָס ליכט
11 איז נישט אין אים. דאָס האָט ער גערעדט, און נאָך
דעם זאָגט ער צו זיי: אלעזר, אונזער פריינט איז
אַנטשלאָפן געוואָרן; נאָר איך גיי, כדי אים אויפצו־
12 וועקן פון שלאָף. די תלמידים האָבן דעריבער
געזאָגט צו אים: אויב ער איז איינגעשלאָפן, וועט
13 ער גענעזן ווערן. ישוע אָבער האָט גערעדט וועגן
זיין טויט; און זיי האָבן געמיינט, אַז ער רעדט וועגן
14 דעם רואיקן שלומער פון שלאָף. דעריבער האָט
ישוע דעמלט צו זיי געזאָגט גאַנץ אָפן: אלעזר איז
15 געשטאָרבן. און איך פריי מיך צוליב אייך, אַז איך
בין דאָרטן נישט געווען, כדי איר זאָלט גלויבן;
16 נאָר לאָמיר גיין צו אים. דאַן האָט תומא, וואָס מען
האָט אים גערופן דידימוס, געזאָגט צו זיינע חברים
תלמידים: לאָמיר אויך גיין, כדי מיר זאָלן שטאַרבן
מיט אים.